— כולל דעם ספר תורה וואָס מ'האָט די וואָך מסיים געווען, ע"י השתדלות של נשי ובנות ישראל, צוזאַמען מיט אַ סיום וסדר הכנסת ספר תורה, בשמחה גדולה בריקודים וכו', און פאַרבונדן מיט איר הוספה בנתינת הצדקה, ה־מקרבת את הגאולה[156] — אין ארץ הקודש, אין ירושלים עיר הקודש, בהר הקודש, בביהמ"ק השלישי, „מקדש אד' כוננו ידיך"[157].

156) ב"ב י, א.

157) בשלח טו, יז.

**לזכרון**

האשה היקרה מרת **סימא** ע"ה

**קארפ**

בת החסיד ר' **מרדכי** הכהן ומרת **דוואשא** ז"ל **ריבקין**

נפטרה כ"א אייר ה'תשפ"ב

ת' נ' צ' ב' ה'

ספרי' — **אוצר החסידים** — ליובאוויטש

**קובץ**
**שלשלת האור**

**היכל תשיעי** | **שער שלישי**

# דבר מלכות

•

**מאת**

כבוד קדושת

## אדמו"ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט"א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

**משיחות ש"פ אמור, כ' אייר ה'תנש"א**

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה
**שנת הקהל**

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

א. בהמשך צו דעם וואָס עס האָט זיך גערעדט[1] וועגן דעם ענין פון גאולה

— אַז דער וואָרט „גאולה", אותיות „גולה" בתוספת אל"ף[2], גיט אַרויס דעם תוכן פון דער גאולה (מער ווי די אַנדערע ד' — ה' לשונות של גאולה[3]): (א) דאָס אויסלייזונג פון אַלע עניני הגלות (גולה); גאולה איז ניט שולל די עבודה אין גלות, נאָר זי איז כולל און הויבט אויף גלות — דורך אַרויפשטעלן און מגלה זיין דעם אל"ף פון „אלופו של עולם"[4] אין „גולה", ווי דער אויבערשטער איז בעה"ב און פירט אָן מיט אַלע עניני העולם אויך אין גלות, (ב) די גאולה ווערט „אויפגעמאַכט" דורך דער עבודה אין גלות (אַזוי ווי דער וואָרט „גאולה" ווערט אויפגעמאַכט — און רוב אירע אותיות זיינען — אותיות „גולה", נאָר מ'איז מוסיף אַן אל"ף) —

וועט מען זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אייניקע נקודות אין דעם, וואָס דאָס וועט צוגעבן נאָכמער הסברה אין דער עבודה וואָס אידן דאַרפן טאָן שטייענדיק „ערב הגאולה".

ב. דער אויפטו פון גאולה (די הוספה וגילוי האל"ף אין גולה, און איןביידע אויבנדערמאָנטע ענינים) זעט מען גלייך אין דער ערשטער גאולה (און מקור אויף אַלע גאולות[5]) — גאולת מצרים:

די גאולה איז באַשטאַנען אין דעם, אַז נוסף דערצו וואָס אַלע אידן זיינען אַרויס פון מצרים („בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו"[6]) ובשלימות און מיט אַלע זייערע זאַכן (ע"ד מ"ש[7] „כספם וזהבם אתם"), האָבן זיי מיט זיך אויך מיטגענומען און אויסגעלייזט די ענינים פון „גולה" (גלות מצרים) — „וישאלו[8] ממצרים כלי כסף וכלי זהב ושמלות גו' וינצלו (ורוקינו[9]) את מצרים", „שעשאוה[10] כמצודה שאין בה דגן . . כמצולה שאין בה דגים"[11] [און — „וגם[12] ערב רב עלה אתם"[13]].

1) שיחת ש"פ אחו"ק, י"ג אייר (לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 504 ואילך).

2) ראה ויק"ר פרשתנו ספל"ב. שהש"ר פ"ד, א (ז). קה"ר פ"ד, א (א). לקו"ת בהעלותך לה, ג. אוה"ת בא ע' רעג. בהעלותך ס"ע תכג ואילך. נ"ך ע' תקי. המשך מים רבים תרל"ו פקל"ד.

3) וארא ו, ו־ח. וראה לעיל [סה"ש תנש"א ח"ב] ע' 504 הערה 4.

4) ראה אוה"ת בא שם.

5) כמובן ממאחז"ל (ב"ר פט"ז, ד. ויק"ר פט"ז, ה) „כל המלכיות נקראו על שם מצרים". וראה ד"ה כימי צאתך תש"ח רפי"ב (ע' 164).

6) בא י, ט.

7) ישעי' ס, ט.

8) בא יב, לה־לו.

9) ת"א, ת"י ופרש"י עה"פ. פרש"י ברכות שבהערה הבאה (ד"ה כמצודה).

10) ברכות ט, ב. פסחים קיט, א.

11) „פי' שלקטו כל הניצוצין שנפלו בשבירה אליהם ונתרוקנו מצרים מהם עד שנשארו כמצולה כו' ולא השאירו שם אפי' ניצוץ א'" (תו"א וארא נו, סע"ד).

12) בא שם, לח.

13) שזה („רב") מרמז על הר"ב ניצוצים (מהרפ"ח ניצוצים) שנתבררו ועלו אתם ממצרים (תו"א בא ס, ג). וע"פ המבואר בתו"א שבהערה 11, מובן, שבמצרים היו רק ר"ב ניצוצים, ונתבררו





(עכ"פ דורך דעם וואָס „יעשה את שלו לקיים את השבועה שמשביעים תהי צדיק כו', ועוד שההרגל כו' נעשה טבע שני", „וכשירגיל כו' הרי באתערותא דלתתא אתערותא דלעילא וכולי האי ואולי יערה כו' ויזכה לבחי' רוח משרש איזה צדיק כו'"[149]), וי"ל אַז לאחרי די אַלע ענינים — של בירור וזיכוך כו' — וואָס אידן זיינען דורכגעגאַנגען במשך דורות, קען איצטער יעדער איד זיכער דערגרייכן די העכסטע דרגות, ביז „תהי צדיק" בגלוי (דער גילוי פון „ועמך כולם צדיקים"[150]), ווי ס'וועט זיין בשלימות הגילוי בגאולה האמיתית והשלימה[151].

ביז אַז דורך דעם — די עבודה פון הפצת המעינות חוצה — האָט מען דעם כח צו מגלה וממשיך זיין אלקות אין וועלט, ביז אין חוצה שאין חוצה ממנה.

און דאָס אַליץ ווערט אַ הכנה וכלי — צו „ונגלה כבוד הוי' גו'"[100] בגאולה האמיתית והשלימה, „ולא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד", און צו דעם גילוי פנימיות התורה, ביז באופן פון „והיו עיניך רואות את מוריך".

י. די הוראה דערפון בפשטות — בנוגע צו די פעולות וואָס אידן דאַרפן טאָן צו נאָכמער ממהר זיין די גאולה:

אין צוגאָב צו די פעולות אין חלקו בעולם, ביז בכל העולם, צו מגלה זיין ווי דער אויבערשטער איז אלופו של עולם אין דער וועלט און אין יעדער זאַך אין וועלט, ובפרט דורך דעם וואָס מ'נוצט אויס אַלע עניני העולם „לשם שמים" און אויף „דעהו", אַזוי אַז יעדע זאַך בעולם איז מגלה „כבודו" של הקב"ה —

דאַרף אויך זיין אַ הוספה מיוחדת אין אולפנא ולימוד התורה, ובמיוחד — אין פנימיות התורה כפי שנתגלתה בתורת החסידות, באופן של הבנה והשגה, בחכמה בינה ודעת,

און אויך — משפיע זיין אויף אַנדערע אַרום, דורך הפצת התורה והיהדות, והפצת המעינות.

ויה"ר אַז דורך דער עבודה פון פאַרענדיקן „אַריינשטעלן" און מגלה זיין דעם אל"ף אין „גולה" — וועט דאָס גלייך ברענגען די גאולה, תיכף ומיד ממש, אַזוי אַז נאָך ווי אידן שטייען במעמדם ומצבם איצטער ממש, אין זייערע לבושים ובגדים, אפילו אויב זיי זיינען נאָך „בגדים צואים"[152], וואָרום די גאולה קומט באופן פון לא עכבן אפילו כהרף עין[153], און ערשט לאחרי הגאולה „ויאמר[152] גו' הסירו הבגדים גו' מעליו"[154], ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן „ועמך כולם צדיקים".

און אַלע אידן, „בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותינו", גייען צוזאַמען מיט אַלע זייערע ענינים, „כספם וזהבם אתם"[7], ועאכו"כ מיט אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות[155] און די ספרי תורה שבהם

150) ישעי' ס, כא.

151) כמאחז"ל כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב שנאמר ועמך כולם צדיקים גו' (סנהדרין ר"פ חלק). וכפי שאומרים קודם פרקי אבות.

152) ראה זכרי' ג, ג ואילך.

153) ראה מכילתא ופרש"י בא יב, מא.

154) וע"ד המבואר בנוגע לתחה"מ, שכשם שאדם הולך כך הוא בא כו', כשם שהוא הולך לבוש בא לבוש כו' ואח"כ אני מרפא אותן (ב"ר רפצ"ה. זח"ג צא, א. וראה תשובות וביאורים סי"א (ע' 55)).

155) ראה מגילה כט, א.

לשנה, ביז די גילויים בימים אלו ע"י כת"י דמאמרי דא"ח שנדפסו ונדפסים עתה.

ובאופן, כאמור, אַז מ'איז ממשיך די נפלאות שבתורה (בבחי' פלא) אין הבנה והשגה, ביז אין אַלע כחות הנפש (חכמה, בינה, מדות ומלכות), ובלשון פון תורת אדה"ז הידועה[140] עה"פ „משכיל לאיתן האזרחי" (תחלת מזמור פ"ט) — אַז איתן שבנשמה (עצם הנשמה, בחי' פלא) „יש לו משכיל, מה שע"י כח המשכיל הוא האזרחי, מזריח לכל הכחות והחושים", וואָס דער כח המשכיל (שלמעלה משכל וביחד עם זה איז ער מקור השכל) איז ממשיך פון למעלה משכל אין שכל[141]; און הגם אַז שלימות זריחה זו וועט זיין לע"ל, ווערט דאָס שוין אויך אויפגעטאָן איצטער[142].

און דערפון ווערט נמשך דער כח צו ממשיך ומגלה זיין אלקות אויך אין עולם (אלופו של עולם) — כסיום המזמור פ"ט: ברוך ה' לעולם אמן ואמן.

און דערנאָך קומט מען צו מזמור צדי"ק, „תפלה למשה איש האלקים", ביז סיומו — „ויהי נועם ה' אלקינו עלינו גו'", דער גילוי עלינו פון נועם ה', שלימות התענוג (עתיק[143]), ביז „ומעשה ידינו כוננה עלינו ומעשה ידינו כוננהו", אין דעם („נועם" אותיות) „מעון" האמיתי, ביהמ"ק השלישי.

ובפשטות — אַז דורך לימוד התורה בכלל, ובפרט פנימיות התורה, כפי שנתגלתה בתורת החסידות,

— כולל — דורך המסתכל בפני הרב, במאור פניו (חכמת אדם תאיר פניו[144]), וואָס דאָס גיט צו אין הבנת הלימוד [כמאחז"ל[145] „אמר רבי האי דמחדדנא מחבראי דחזיתי' לר' מאיר מאחורי', ואילו חזיתי' מקמי' הוה מחדדנא טפי, דכתיב[146] והיו עיניך רואות את מוריך"] —

ווערט ער אַ כלי צו גילוי אלקות בעולם, כולל גילוי כח הפועל בנפעל באופן של ראי' (חכמה), און נאָכמער — דער גילוי פון כח העצמות אין יש הנברא, וואָס „הוא לבדו בכחו ויכלתו לברוא יש מאין ואפס המוחלט כו'" (כמבואר באגה"ק[147] בספר תניא קדישא).

אָנהויבנדיק ווי דאָס איז אין דער עבודה פון אַ אידן (כמבואר בתחלת ספר התניא), אַז ביי אים איז די עבודה ניט נאָר אין סור מרע — „אל תהי רשע", נאָר אויך „תהי צדיק"[148], דאע"פ וואָס „אין כל אדם זוכה להיות צדיק ואין לאדם משפט הבחירה בזה כל כך כו'"[149] מצד דעם וואָס מ'געפינט זיך למטה אַ נשמה בגוף ונה"ב אין עוה"ז הגשמי והחומרי — איז אָבער דורך דעם וואָס ס'איז דאָ דער כח העצמות אין דעם גוף הגשמי (פון אַ אידן), כנ"ל, גיט דאָס דעם כח אַז אויך למטה זאָל מען דערגרייכן די העכסטע דרגות, ביז „תהי צדיק"

140) קונטרס לימוד החסידות ע' 5־6.

141) ראה ד"ה כי מראש צורים תשכ"ח (נעתק בקובץ י"א ניסן שנת הפ"ט אות טז).

142) ד"ה וייצר תרפ"ה (סה"מ תש"ח ע' 63. נעתק שם אות טו).

143) ראה קובץ י"א ניסן שנת הצדי"ק אות ו, יח, כא. ועוד.

144) קהלת ח, א.

145) עירובין יג, ב. וראה ירושלמי ביצה פ"ה ה"ב.

146) ישעי' ל, כ.

147) סימן כ (קל, ריש ע"ב).

148) נדה ל, סע"ב.

149) תניא פי"ד.





ד.ה. — די גאולה איז געווען ניט נאָר אַ יציאה אַן אַרויס פון מצרים, נאָר אַ גאולה אויך פון מצרים (גולה) עצמו, דורך אַריינשטעלן און מגלה זיין דעם אל"ף (אלופו של עולם) אין די עניני הגלות — זייער תכלית צוליב וועלכע דער אויבערשטער האָט זיי באַשאַפן און געגעבן צו מצרים, בכדי אידן זאָלן זיי מברר זיין דורך „וינצלו את מצרים" (און דורך דעם זאָל נתקיים ווערן דער „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"[14]).

ביז אַז „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום"[15], „אף מה שלא היו שואלים מהם היו נותנים להם"[16] די מצריים אַליין, און נאָכמער: „מלמד שהשאילום בעל כרחם . . בעל כרחם דישראל"[17] — וואָס לכאורה: (א) צוליב וואָס האָבן זיך די מצריים „געיאָגט" אָפּגעבן פון זייערע כלים כו' (היפך טבע האדם)?! (ב) דער ציווי („וישאלו איש מאת רעהו גו'"[18]) איז געזאָגט געוואָרן צו די אידן, ניט צו די מצריים? (ג) לאחרי וואָס דער אויבערשטער האָט געבראָכן מצרים דורך ברענגען אויף זיי די עשר מכות, פאַרוואָס דאָ „מיטאַמאָל" איז דער צוגאַנג פון די מצריים אַז „וישאלו ממצרים גו'", „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום" (און ניט דורך שבירתם)?

נאָר וויבאַלד אַז גאולה איז דער טייטש (אויך) די גאולה ועלי' פון מצרים („גולה") עצמו דורך אַנערקענען אַז דער אויבערשטער איז אלופו של עולם און פירט אָן מיט דער וועלט, און די מצריים (זייענדיק (כמה מהם) חכמים[19]) האָבן דאָס (סו"ס) פאַרשטאַנען און מרגיש געווען (און די וואָס לא חזו — איז „מזלייהו חזו"[20]), „וידעו מצרים כי אני ה'"[21] — דעריבער האָט עס געדאַרפט געטאָן ווערן, און ס'איז בפועל געטאָן געוואָרן, ניט בעל כרחם פון די מצריים, נאָר ברצונם (נוסף אויף דער פעולה פון אידן אין דעם), באופן פון „וישאילום" (און „וה' נתן את חן העם בעיני מצרים"), ביז אַז „אף מה שלא היו שואלים מהם היו נותנים להם", ביז „בעל כרחם" פון די אידן.

ועד"ז זעט מען אין דעם — דעם צווייטן ענין הנ"ל אין „גאולה" (אַז דאָס ווערט אויפגעמאַכט פון (דעם וואָרט) „גולה" (בתוספת אל"ף): דוקא דורך דער ירידה אין גלות מצרים („ועבדום וענו

כולם*, ושאר הפ"ו ניצוצים (בגימט' אלקים) נתבררו בגליות שלאחרי זה (ראה תו"א וישב כז, ד).

14) לך לך טו, יד. וראה בארוכה לקו"ש ח"ג ע' 823 ואילך. ועוד.

15) בא שם, לו.

16) פרש"י שם, ממכילתא עה"פ.

17) ברכות שבהערה 10.

18) בא יא, ב.

*) ראה לקו"ת וספר הליקוטים להאריז"ל ר"פ תצא בטעם האיסור לחזור למצרים (בשלח יד, יג. שופטים יז, טז. תבוא כח, סח) — כי „הגליות הוצרך לברר ניצוצי קדושה . . והנה במצרים באותו גלות בירו כל הקדושה שהי' בקרבם ולא נשאר דבר . . ולכן צוה שלא לראותם עוד, ולא עשה כן בשאר גליות שעדיין לא בירו כל מה שהי' בקרבם לגמרי".

19) כמ"ש (מ"א ה, י) „ותרב חכמת שלמה . . מכל חכמת מצרים" (וראה לקמן ס"ו). וראה מקץ מא, ח. וארא ז, יא.

20) מגילה ג, א*. סנהדרין צד, רע"א.

21) נסמן בהערה 24.

*) ובפרש"י שם ד"ה מזלייהו (הובא בחדא"ג מהרש"א סנהדרין שם): שר של כל אדם למעלה.

אותם"[22] — איז געוואָרן די עלית (גדלות) וגאולת מצרים, באופן פון „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול"[14] (וואָרום אילו לא ירדו אבותינו למצרים וואָלטן זיי ניט (באַקומען און) אויפגעהייבן די „כלי כסף וכלי זהב ושמלות" פון מצרים).

דערפון איז אויך פאַרשטאַנדיק בנוגע צו אַלע גאולות (וועלכע זיינען געגליכן און נעמען זיך פון גאולת מצרים[5]), ביז דער גאולה האמיתית והשלימה, אויף וועלכע עס שטייט[23] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" — אַז זי הייסט „גאולה" דערפאַר וואָס איר תוכן איז: (א) (אויסלייזן) אויפהייבן די עניני גולה (דורך מגלה זיין אין זיי דעם אלופו של עולם), און (ב) דוקא דורך דער עבודה אין גולה קומט די גאולה.

ג. מ'דאַרף אָבער פאַרשטיין:

נוסף אויף דעם וואָס דורך גאולת מצרים האָט זיך אויפגעטאָן דער גילוי פון אלופו של עולם אין מצרים — „וידעו מצרים כי אני ה'" [וואָס דאָס איז געווען איינער פון די טעמים אויף די מכות[24]], אַז דער אויבערשטער איז בעה"ב און פירט אָן מיט דער וועלט[25] — האָט זיך אויך אויפגעטאָן נאָך העכערע ענינים (פאַר אידן), אַז „נגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקב"ה וגאלם"[26], און „בכבודו ובעצמו"[27] — עצמות א"ס ב"ה[28],

ביז אַז די כוונה[29] (אין יציאת מצרים) איז מתן תורה, „בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה"[30], דער גילוי פון „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים"[31], ובאופן פון „פנים בפנים דבר ה' עמכם"[32], שלמעלה פון דעם גילוי פון אלופו של עולם, ווי דער אויבערשטער איז דער בורא העולם ומנהיגו („בראשית[33] ברא אלקים את השמים ואת הארץ")[34], כידוע אַז תורה איז „קדמה לעולם"[35], קדמה גם במעלה (למעלה) מעולם.

ועאכו"כ ווען עס רעדט זיך וועגן דער גאולה האמיתית והשלימה — וואָס דעמולט וועט זיין, נוסף אויף דעם גילוי פון אלופו של עולם (בכל הבריאה), גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה — „אלה[36] תולדות פרץ" מלא[37] וואָס איז העכער פאַר דעם „מלא"[37] פון „אלה[38] תולדות השמים והארץ בהבראם" (עולם על מילואו נברא[39]), ביז אַז עס וועט זיין אַ חידוש שלא בערך לגבי דעם מצב

22) לך לך טו, יג.

23) מיכה ז, טז.

24) ראה וארא ז, ה. יז. ח, ו. יח. ט, יד. כט. בא יא, ז. בשלח יד, ד. יח. וראה לקו"ש (חל"ו) וארא תנש"א.

25) ראה אברבנאל וארא ט, טז.

26) הגש"פ פיסקא „מצה זו".

27) שם פיסקא „ויוציאנו".

28) ראה סה"מ אעת"ר ע' עה. המשך תער"ב ח"ב ע' תתקכד. סה"מ תער"ב־תרע"ו ע' סז.

29) „עיקר תכלית המכוון" — תו"א ר"פ שמות (מט, א).

30) שמות ג, יב.

31) יתרו כ, ב. וראה מכילתא ופרש"י שם. שמו"ר פכ"ט, ג.

32) ואתחנן ה, ה.

33) בראשית א, א.

34) כמבואר בכ"מ הטעם שבעשה"ד נאמר „אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים" ולא „אשר בראתי שמים וארץ", כי הגילוי אלקות ביצי"מ (ומ"ת) הוא למעלה מהגילוי דבריאת שמים וארץ (ראה סידור עם דא"ח רפד, ב ואילך. ובכ"מ).

35) ראה מדרש תהלים צ, ד. ב"ר פ"ח, ב. תנחומא וישב ד. זח"ב מט, א.

36) רות ד, יח.

37) ב"ר פי"ב, ו. שמו"ר פ"ל, ג.

38) בראשית ב, ד.

39) ראה ב"ר שם. פי"ד, ז. פי"ג. ג.





דערצו האָט רשב"י אויך מחבר געווען פנימיות התורה און נגלה דתורה[132]. וי"ל אַז אין תורה עצמה איז נגלה דתורה און פנימיות התורה ע"ד דער חילוק צווישן אל"ף מלשון אולפנא ולימוד (מוחין השייך למדות), און אל"ף אותיות פלא (מוחין בעצם). און רשב"י האָט מחבר געווען שניהם.

וי"ל אַז בכח זה האָט ער אויך אויפגעטאָן דעם כח אויף גילוי אלקות (אויך די דרגות שלמעלה מעולם) אין (אלופו של) עולם — כמאמר הידוע שלו[133]: „תניא ר"ש בן יוחאי[134] אומר כו' כל מקום שגלו (ישראל) שכינה עמהן כו' גלו לבבל שכינה עמהן כו' גלו לאדום שכינה עמהן", ד.ה. אַז אויך זייענדיק אין (בבל כו') „גולה" האָט מען דאָרט דעם גילוי פון אלופו של עולם, „שכינה עמהם".

ועד"ז איז רשב"י ממשיך בכל העולם כולו — כמאמר שלו[135]: „יכול אני לפטור את כל העולם כולו מן הדין", אַז ער קען אויסלייזן כל העולם מלשון העלם והסתר מן הדין, כולל דעם דין הגלות.

ויש לקשר זה אויך מיט דעם וואָס ל"ג בעומר איז דער טאָג פון „הוד שבהוד", וואָס באַדייט דעם ענין פון (הוד מלשון) הודאה, און הודאה שבהודאה — בחי' פלא (שלמעלה מהשגה), און דערפון ווערט עס דערנאָך נמשך אין אל"ף (הבנה והשגה). ולהוסיף, אַז הוד שבהוד איז אויך „סוף ותשלום הספירות בעיקר המדות"[136] — ד.ה. אַז דאָס איז כולל אַלע מדות (עשיר), ביז מלכות שבמלכות (מכובד), נוסף אויף די המשכה פון מוחין ע"י (חכם, וגבור). און הוד איז אויך די ספירה החמישית, וואָס איז מרמז אויף בחי' חמישית לפרעה[137], דאתפרעו ואתגליין מיני' כל נהורין[138], בחי' פרוע, שלמעלה מסדר והשתלשלות (בחי' פלא), און דאָס גופא ווערט דער סדר קבוע (בחי' אל"ף) לע"ל.

ט. און פון רשב"י ווערט דערנאָך נמשך דער גילוי פנימיות התורה בדורות שלאחרי זה, ביז דור האריז"ל, ווען ס'איז געוואָרן „מצוה לגלות זאת החכמה"[139], און דערנאָך — איז אין דעם צוגעקומען דורך גילוי תורת החסידות ע"י הבעש"ט והמגיד (מייסדי תורת החסידות הכללית), און נאָכמער — דורך דעם אַלטן רבי'ן (מייסד תורת חסידות חב"ד) און רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו — לימוד פנימיות התורה באופן פון חכמה בינה ודעת, און הפצת המעינות חוצה, אָנהויבנדיק פון דעם חוצה שבאדם — זיינע כחות הנפש, ביז אויך פון נפש הבהמית, ביז חוצה שבעולם — מעין וטועמי' פון גילוי פנימיות התורה בגאולה האמיתית והשלימה.

און אַזוי קומט אין דעם צו — דורך רבותינו נשיאינו ממלאי מקומו מדור לדור, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו. צו די גילויים פון פנימיות התורה בדורנו זה, ובזה גופא — קומט צו משנה

132) ראה המשך חייב אדם לברך תרל"ח פכ"ה.

133) מגילה כט, א.

134) כן הוא („יוחאי" באל"ף) בעין יעקב. וי"ל שבזה מרומז הגילוי דבחי' אל"ף, כבפנים.

135) סוכה מה, ב.

136) סידור עם דא"ח שער הל"ג בעומר דש, א ואילך.

137) ויגש מז, כד.

138) זח"א רי, א.

139) אגה"ק סכ"ו (קמב, ב).

„מאן מלכי — רבנן"[126] — וואָס דורך דעם קומט צו אויך חכמה שבמלכות (בחי' שלמה), ביז שלימות המלכות, ווי דאָס איז כולל אַלע פיר ענינים הנ"ל: חכם, גבור, עשיר, מכובד.

אַזוי אַז מ'האָט שלימות הכסא של ד' רגלים, אויף וועלכע ס'איז שייך שלימות ענין הישיבה („וישב שלמה על כסא ה'"). ולהוסיף, אַז דורך דעם ווערט אויך נמשך ראשו של מלך למטה, אַזוי אַז מען באַקומט מער שייכות צום מלך, און רגליו ווערן אויפגעהויבן על „הדום רגלי"[127] — וואָס דורך המשכה מלמעלה למטה און העלאה מלמטה למעלה ווערט די שלימות החיבור פון אלקות שלמעלה מעולם ביז בבחי' נפלאות מיט עולם, פון גילוי בחי' אל"ף אין מציאות העולם והגלות („גולה").

ובהדגשה יתירה — שטייענדיק ביום השבת, וואָס איז כנגד ספירת המלכות, ובפרט בימי הספירה בשנה זו (ווען די ספירה האָט זיך אָנגעהויבן „ממחרת השבת"[128] (אויך) כפשוטה), וואָס דעמולט איז יעדער שבת פון די „שבע שבתות תמימות"[128] כנגד מלכות פון דער ספירה דשבוע ההוא: מלכות שבחסד, מלכות שבגבורה, מלכות שבתפארת, מלכות שבנצח, מלכות שבהוד, מלכות שביסוד, מלכות שבמלכות, און דעם שבת — מלכות שבהוד (וואָס דאָס איז שוין כולל כל הספירות, ביז מלכות שבמלכות, כדלקמן ס"ח), מלכות ווי ס'איז פאַר־

בונדן מיט דער שלימות פון הודאה (בחי' פלא), כנ"ל.

ח. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער שטייענדיק אין דעם שבת נאָך ל"ג בעומר (ובתוך השלשה ימים פון ל"ג בעומר[129]), יום ההילולא ויום שמחתו של רשב"י[130]:

דורך רשב"י איז געווען דער גילוי פון פנימיות התורה (בחי' נפלאות שבתורה), און דער עיקר גילוי איז געווען ביום הסתלקותו, נשמתא דנשמתא דאורייתא (די פנימיות פון די סודות וואָס ער האָט מגלה געווען כל ימי חייו)[130*], ביז אַז דורך כתיבת דברים אלו (בספר הזהר), איז דאָס דערנאָך נתגלה געוואָרן צו אַלע אידן, ביז באופן פון יתפרנסון[131] בהבנה והשגה — גילוי בחי' נפלאות שבתורה אין חכמה בינה ודעת. די התחלה — ומעין ובדוגמא — פון דעם גילוי פנימיות התורה לע"ל.

סח (תרמג). אנציקלופדי' תלמודית ח"ב ערך אל תקרי) ש„אל תקרי" מוסיף עוד פירוש, ואינו ממעט פירוש הראשון.

126) ראה גיטין סב, א.

127) ישעי' סו, א.

128) אמור כג, טו.

129) ולהעיר מהחידוש בשנה זו בענין שלשה: מב' ימי ראש השנה נכנסו תיכף ליום השבת, וכן בי"ט כסלו (שחל ביום חמישי בשבוע), ראש השנה לחסידות, שענינו נמשך בכ"ף כסלו, וממנו נכנסו תיכף ביום השבת. וכן בנוגע לל"ג בעומר, מ"ת דפנימיות התורה (המשך תרס"ו ע' ריט), שחל ביום חמישי, וענינו נמשך על ג' ימים (ראה שער הכוונות ענין ספה"ע דרוש יא. ועד"ז בפע"ח שער ספה"ע פ"ז). וימי הפורים שלפ"ז, וכהסימן פל"ג הובא בסידור (וטור או"ח סתכ"ח).

ועפ"ד הרמז י"ל שענין שלשה קאי על עבודת הג' מוחין מצ"ע, ענינה של פנימיות התורה (שנתגלתה ע"י הרשב"י, ובאופן של חב"ד ע"י אדה"ז) — מעין וטועמי' של העבודה דלע"ל (כיבוש קיני קניזי וקדמוני).

130) נסמן בסה"ש תשמ"ח ח"ב ע' 440.

130*) ראה בארוכה ד"ה גל עיני תשל"ז (סה"מ מלוקט ח"ה) שבהערה 51. וש"נ.

131) ל' התקו"ז ת"ו בסופו. וראה הקדמת המק"מ לספרו. כסא לתקו"ז שם.





בגאולת בבל ומדי וכו', סיי אין עולם — אַ חידוש אין מעשה בראשית („הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה"[40], „השמים החדשים והארץ החדשה"[41]), און סיי אין גילוי אלקות — דער גילוי פון פנימיות עתיק[42], ביז דער גילוי פון עצמותו ית' למטה, אין דער „דירה לו יתברך בתחתונים"[43],

ביז אַז „לא יהי' עסק כל העולם אלא לדעת את ה' בלבד ולפיכך יהיו ישראל חכמים גדולים ויודעים דברים הסתומים וישיגו דעת בוראם כפי כח האדם שנאמר[44] כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"[45]; און עס וועט דעמולט זיין אַ חידוש אין תורה: כשם ועד"ד ווי גלות וגאולת מצרים איז געווען אַ הכנה צו מתן תורה, אַזוי וועט די גאולה האמיתית והשלימה ברענגען אַ חידוש אין תורה — דער גילוי פון פנימיות התורה[46], „סוד טעמי' ומסתר צפונותי'"[47], ביז „תורה חדשה מאתי תצא"[48].

און וויבאַלד אַז די אַלע ענינים — וועלכע זיינען שלא בערך העכער פאַר דעם גילוי איצטער פון אלופו של עולם — ווערן נכלל אין (שם) גאולה, דאַרף מען זאָגן אַז דאָס אַלץ איז אויך מרומז אין „גאולה" אותיות „גולה" בתוספת אל"ף.

ד. דער ביאור אין דעם:

אין[49] דעם אות אל"ף — וואָס קומט צו אין (וואָרט) „גאולה" (לגבי „גולה") — זיינען פאַראַן כמה פירושים: (א) אל"ף פון לשון אלוף, אלופו של עולם. (ב) אל"ף פון לשון אולפנא ולימוד, אאלפך חכמה[50] אאלפך בינה. (ג) אל"ף אותיות פלא.

אין דער עבודה פון איבערמאַכן גלות („גולה") צו גאולה זיינען פאַראַן בכללות דריי ענינים, דריי דרגות ושלבים: גילוי אלקות אין ובערך לעולם (אלופו של עולם). גילוי אלקות שלמעלה מעולם אָבער עס האָט נאָך עפּעס אַן ערך ויחס צו עולם, ובמיוחד — דורך תורה שקדמה לעולם (אולפנא). און גילוי אלקות שלמעלה לגמרי מעולם, באופן מופלא ומובדל, ובמיוחד — דורך די נפלאות שבתורה[51] וואָס וועלן נתגלה ווערן בגאולה האמיתית והשלימה[52] (פלא).

די ערשטע זאַך[53] באַשטייט פון מגלה

40) ישעי' סה, יז.

41) שם סו, כב. וראה בזה לקו"ת שה"ש בסופו (נא, ג). ספר הליקוטים דא"ח־צ"צ ערך לע"ל ע' תריב ואילך. ועוד.

42) משא"כ כל הגילוים דעכשיו הם מחיצוניות עתיק — פע"ח שער הק"ש רפט"ו, הובא בלקו"ת שם.

43) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא פל"ו.

44) ישעי' יא, ט.

45) רמב"ם בסיום וחותם ספרו.

46) ראה תו"א ר"פ שמות (מט, א): „כמו שכל עיקר תכלית המכוון בגלות מצרים . . הי' בכדי לזכות לקבלת התורה . . כך כל אריכות הגלות הזה הוא כדי לזכות לגילוי פנימיות התורה שיהי' לע"ל כו'".

47) פרש"י שה"ש א, ב.

48) ישעי' נא, ד. ובויק"ר פי"ג, ג: חדוש תורה מאתי תצא. וראה קה"ר פי"א, א (ח): תורה שאדם למד בעוה"ז הבל היא לפני תורתו של משיח.

49) בהבא להלן — ראה בארוכה ספר הערכים־חב"ד מערכת אותיות — אל"ף (ע' עב ואילך). וש"נ.

50) לשון הכתוב — איוב לג, לג.

51) ראה רשימות הצ"צ לתהלים (יהל אור) ע' תסא. ובארוכה — ד"ה גל עיני תשל"ז (סה"מ מלוקט ח"ה ע' רעא ואילך). וש"נ.

52) ראה שער האמונה פ"ס.

53) בהבא להלן — ראה אמרי בינה פתח השער פ"א. שם ספ"ה.

זיין אין כל עניני העולם (— בגלות) דעם אל״ף פון אלופו של עולם, ווי דער אויבערשטער איז דער אלוף און בעה״ב פון וועלט און אין וועלט: דער עולם — עולם מלשון העלם והסתר[54] — איז באַשאַפן געוואָרן אין אַן אופן אַז ער (מצ״ע) פאַרדעקט אויף אלקות, דעם דבר ה׳ וואָס איז עם שטענדיק מהוה, מחי׳ ומקיים[55]. און די עבודה פון אַ אידן באַשטייט אין מגלה זיין בעולם ווי דער אויבערשטער איז אלופו של עולם, הן בכללות העולם און הן בפרטי העולם — „כי אראה שמיך מעשה אצבעותיך ירח וכוכבים אשר כוננת״[56], און אַזוי אויך בכל פרטי הנבראים — דער גילוי פון דעם כח הפועל בנפעל[57].

וואָס דורך דעם גילוי פון אלופו של עולם אין „גולה״ — ווערט אויפגעטאָן די גאולה, ווען עס וועט זיין „וידע כל פעול כי אתה פעלתו״[58].

אַ העכערער ענין אין דעם גילוי האל״ף איז — דער ענין פון אל״ף מלשון אולפנא ולימוד, אאלפך חכמה אאלפך בינה: דער גילוי אלקות בגאולה האמיתית והשלימה וועט זיין — נוסף צו בחי׳ אלקות אין דער בריאה (אלופו של עולם), כח הפועל בנפעל — אויך, אלקות וואָס איז העכער פאַר דער וועלט (כנ״ל), וואָס דאָס קומט פון אל״ף שבבחי׳ מוחין (חכמה ובינה), וואָס איז העכער פאַר די מדות פון וועלכע עס נעמט זיך עולם[59] (עולם חסד יבנה[60]); ובמיוחד — איז דאָס דורך דער גילוי התורה (וואָס ווערט נתגלה נאָך דער גאולה), וואָס „אלפיים שנה קדמה תורה לעולם״[35], „אלפיים״ אויך מלשון אאלפך, אאלפך חכמה אאלפך בינה[61].

און דערנאָך קומט מען צו נאָך אַ העכערן ענין אין דעם אל״ף — אותיות פלא — גילוי הנפלאות אין דער גאולה, כמ״ש[23] „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״ (נפלאות אפילו בערך די נפלאות בגאולת מצרים[62]), כולל ובמיוחד — די נפלאות שבתורה[51] („גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך״[63]), גילוי פנימיות התורה, „סוד טעמי׳ ומסתר צפונותי׳״, וועלכע זיינען מצ״ע מופלא ומובדל (ביז — בתכלית ההעלם[64]), און אויך דאָס ווערט נתגלה, ביז באופן פון אולפנא ולימוד, ביז אין (אלופו של) עולם[65].

54) ראה לקו״ת שלח לז, ד. מאמרי אדהאמ״צ דברים ח״א ע׳ שג. ח״ג ע׳ א׳נט. וראה לקו״ש (חל״ד) שופטים תשמ״ז הערה 63. וש״נ.

55) שער היחוד והאמונה פ״א.

56) תהלים ח, ד.

57) במכ״ש ממעשה בשר ודם „שהוא יש מיש״, ו„כאשר יצא לצורף כלי שוב אין הכלי צריך לידי הצורף״ (שעהיוה״א רפ״ב), שגם שם ישנו כח הפועל בנפעל, „כידוע בהרב המגיד ז״ל . . שאמר בפירוש על מה שהכיר לפועל הכלי מתוך הכלי כו׳״ (שער האמונה ספכ״ז), ועאכו״כ ב„מעשה ה׳ עושה שמים וארץ״, „שהוא יש מאין״, ו„צריך להיות כח הפועל בנפעל תמיד להחיותו ולקיימו״ (שעהיוה״א שם).

58) תפלת העמידה דר״ה (ברכת „אלקינו כו׳ מלוך כו׳״).

59) אוה״ת תבוא ס״ע תתשיז ואילך. וראה ספר הערכים־חב״ד שבהערה 49 ע׳ עג. וש״נ.

60) תהלים פט, ג. וראה סה״מ תש״ח ריש ע׳ 273. וש״נ.

61) לקו״ת שה״ש א, סע״ד. המשך והחרים תרל״א ע׳ כו. סה״מ תש״ח ס״ע 273.

62) ראה אוה״ת נ״ך עה״פ (ע׳ תפז). וש״נ.

63) תהלים קיט, יח.

64) ומתאים גם עם זה שאל״ף אותיות „אפל״, בחי׳ חושך (ישת חושך סתרו — תהלים יח, יב) שלמעלה מאור וגילוי (אוה״ת יתרו ע׳ תתקלג).

65) ראה ספר הערכים שם ע׳ עב. ע׳ צה. ע׳ קט. ע׳ קכט. וש״נ.





משיח וועט זיין סיי אַ מלך און סיי אַ רב, „וילמד כל העם״ תורה[109], כולל — די נפלאות פון פנימיות התורה[110].

ז. בכדי אַז באַ יעדער איד׳ן זאָל זיין דער כח צו אויפנעמען דעם גילוי פון משיח, דאַרף ביי אים זיין מעין פון די דרגות הנ״ל אין דעם אל״ף [כידוע אַז יעדער איד האָט אין זיך אַ ניצוץ פון משיח[111], און דעריבער זאָגט יעדערער[112] „ויתקיים בנו מקרא שכתוב ונחה עליו גו׳״]: מלכות, מדות, מוחין השייך למדות, און מוחין בעצם.

ויש לומר, אַז דאָס איז דער תוכן המשנה אין אָנהויבס פון היינטיקן פרק (רביעי), וואו ער רעכנט אויס פיר זאַכן: „איזהו חכם כו׳, איזהו גבור כו׳, איזהו עשיר כו׳, איזהו מכובד״, וידוע אַז זיי זיינען כנגד די פיר דרגות אין וועלכע עס טיילן זיך די (עשר ספירות וואָס זיי ווערן נשתלשל[113] די) עשר כחות הנפש, כנגד די ד׳ אותיות פון שם הוי׳[114]: איזהו חכם — חכמה, איזהו גבור — בינה, איזהו עשיר — תפארת (כללות המדות)[115], איזהו מכובד — מלכות (שענינו כבוד).

והיות אַז יעדער איד האָט אַ חלק אלוקה ממעל ממש[116], און נאָכמער „חלק הוי׳ עמו״[117] — וואָס העצם כשאתה תופס בחלקו אתה תופס בכולו[118] — דעריבער איז ער אין זיך כולל אַלע פיר אותיות פון „אלו־ה״ (בחי׳ אלופו של עולם), און פון הוי׳ (אלקות שלמעלה מעולם).

און זיין עבודה באַשטייט פון מגלה זיין די פיר ענינים אין זיך, ביז אין אַן אופן פון לפנים משורת הדין, „מילי דחסידותא״[119], בחי׳ נפלאות (שבתורה).

און דורך דעם וואָס ער האָט בגלוי אַלע פיר ענינים ווערט די שלימות המלכות, שלימות כסא המלכות של ד׳ רגלים דוקא — „וישב שלמה על כסא הוי׳״, ומעין זה באַ יעדער איד, וואָרום אידן זיינען „בני מלכים״[120] און נאָכמער — „מלכים״[121], ביז אַז דורך דעם באַקומט ער אַ שייכות צו „מכובד״, וואָס נעמט זיך פון כבודו של הקב״ה [במכ״ש פון אַ מלך באוה״ע אויף וועמען מ׳זאָגט „שנתן מכבודו לבשר ודם״[122]. ועאכו״כ דורך זייער שייכות צו תורה (ביז אַז יעדער איד האָט זיין אות[123] און חלק בתורה), „כל[124] בניך לימודי ה׳״[125], און

109) רמב״ם הל׳ תשובה שם.

110) ראה סהמ״צ שם פ״ג. לקו״ת צו יז, א־ב. שער האמונה פנ״ו ואילך. ועוד.

111) מאור עינים ס״פ פינחס.

112) תפלת רבש״ע בעת הוצאת ס״ת ביו״ט.

113) תניא רפ״ג.

114) שער מאמרי רז״ל ולקוטי הש״ס לאבות כאן. וראה סה״ש תשמ״ח ח״ב ע׳ 446 ואילך.

115) לכאורה הי׳ י״ל, שעשיר הוא בינה, וגבור הו״ע המדות (גבורת ותוקף המדות). והסדר במשנה הוא — תחלת בחי׳ דוכרין (י׳ וו׳ דשם הוי׳ — חכמה ומדות), ואח״כ בחי׳ נוקבין (ב׳ ההי״ן דשם הוי׳ — בינה ומלכות). ודוחק הכי גדול הוא — דמה מכריח לשנות סדר שם הוי׳?!

116) תניא רפ״ב.

117) האזינו לב, ט.

118) כתר שם טוב בהוספות סקט״ז. וש״נ.

119) ראה ב״ק ל, א.

120) שבת סז, א.

121) תקו״ז בהקדמה (א, ריש ע״ב).

122) ברכות נח, א. רמב״ם הל׳ ברכות פ״י הי״א. טואו״ח סרכ״ד. שו״ע שם ס״ז. הל׳ ברכות הנהנין לאדה״ז סי״ג ס״ט.

123) ראה מג״ע אופן קפו.

124) ישעי׳ נד, יג.

125) ואף שמאחז״ל (ברכות בסופה. וש״נ) „א״ת בניך אלא בוניך״, ידוע (ראה ס׳ הליכות אלי ס״ג. ועיין מו״נ ח״ג פמ״ג. שו״ת הרדב״ז ח״ג תשובה אלף

מער: „ותרב חכמת שלמה . . מכל חכמת מצרים"[97] — דער יתרון פון אל"ף (אאלפך חכמה) וואָס קומט אַרויס דורך „גולה" (חכמת מצרים),

וואָס בכח זה „כל חכמי הגוים נתבטלו בעצם לגבי חכמת שלמה שלא ע"י מלחמה ע"כ נק' שלמה כי שלום הי' בימיו"[98], ביז אַז די אומות האָבן געבראַכט צו שלמה'ן די ניצוצי קדושה (כידוע בנוגע צו מלכת שבא[99]) — מעין שלימות השלום לע"ל, וואָס „לא ירעו ולא ישחיתו גו' כי מלאה הארץ דעה גו'"[44], ע"ד ווי דער בירור דורך „עסק התורה דבחכמה אתברירו בביטול הרע בעצם כמו לע"ל דכתיב[100] וראו כל בשר בחי' ראי' דחכמה כו' וידע[58] כל פעול כו'"[98].

וי"ל אַז דאָס איז נוגע צו שלימות ענין המלכות, וואָס דערפאַר איז באַ שלמה געווען אַ מלכות בשלימות, „וישב שלמה על כסא ה'"[101] במצב של מנוחה ושלום (בכללות), בערך צו מלכות דוד אויף וועלכע עס זיינען געווען קטרוגים וערעורים כו'.

ואילו זכו וואָלט מלכות שלמה געווען שלימות ענין המלכות און בית ראשון וואָלט געווען דער בית נצחי, בגאולה נצחית; אָבער צוליב דעם וואָס עס האָבן זיך אין דעם אַריינגעמישט דברים בלתי רצויים, איז דערנאָך געווען „קרוע אקרע את הממלכה"[102] (למלכות יהודה ומלכות ישראל), און ס'איז דערנאָך געווען דער חורבן, און דערנאָך — חורבן בית שני, און גלות זה האחרון — ביז עס וועט זיך אומקערן שלימות ענין המלכות ע"י מלך המשיח, למעלה ממלכות שלמה, ווען „מלך[103] אחד יהי' לכולם למלך גו' ולא יחצו עוד לשתי ממלכות עוד", „ודוד[104] עבדי נשיא להם לעולם"[105].

עפ"ז י"ל די הדגשה אַז משיח איז „מבית דוד ומזרע שלמה" — ווייל דער אויפטו פון משיח וועט באַשטיין פון מעלת דוד (מלכות) ומעלת שלמה (שלום), דורך דעם וואָס משיח וועט האָבן שלימות ענין המלכות, כולל חכמה שבמלכות (ווי דאָס קומט אַרויס דורך „גולה", חכמת מצרים), ביז אַז „אותו המלך שיעמוד מזרע דוד בעל חכמה יהי' יותר משלמה"[106], ביז שלימות ענין המוחין (בבחי' פלא), נוסף אויף מוחין ומדות ומלכות — כמ"ש[107] „ונחה עליו רוח ה' רוח חכמה ובינה רוח עצה וגבורה רוח דעת ויראת ה'". וכידוע[108] אַז

להבין ולהשכיל בתורת ה' ובכל אשר בעולם). וצע"ג איך ליישב זה עם המבואר בפנים (המצב דלע"ל).

97) מ"א ה, י.

98) שערי תשובה שם (נו, א).

99) מ"א י, א ואילך. תו"א בראשית ו, רע"א. סה"מ תש"ד ע' 107. ובכ"מ.

100) ישעי' מ, ה.

101) דה"א כט, כג.

102) מ"א יא, יא.

103) יחזקאל לז, כב.

104) שם, כה. וראה לקו"ש (חל"ה) ויגש תנש"א.

105) ואולי יש לומר לחידודא, שענין זה מרומז גם בלשון „גאולה האמיתית והשלימה": „אמיתית" — רומזת לשלימות המלכות על כל בני ישראל, כי יעקב הוא מדת האמת (זח"א קלט, סע"א. קסא, א. תניא ספי"ג. ועוד) ונשמתו „כלולה מכל הנשמות שבישראל מעולם ועד עולם" (אגה"ק ס"ז). ובתיבת „שלימה" ישנם האותיות של „שלמה".

106) רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב.

107) ישעי' יא, ב.

108) אוה"ת תזריע (כרך ג) ע' תתטז. ובארוכה — סהמ"צ להצ"צ מצות מינוי מלך.





ובלשון החסידות — אין די ספירות למעלה: (א) אלופו של עולם איז כנגד ספירת המלכות, גילוי מלכותו ית' בעולם — „אחד"[66], „אמליכתי' למעלה ולמטה ולארבע רוחות"[67]. ובכללות יותר — ענין המדות, וואָס פון זיי איז דער מקור אויף הנהגת העולם. (ב) אולפנא ולימוד (אאלפך חכמה אאלפך בינה) איז בחי' המוחין (חכמה ובינה), מוחין השייכים למדות, וואָס דאָס איז למעלה מעולם, אָבער פאָרט די התחלה ומקור אויף עולם[68]. (ג) פלא איז בחי' מוחין (חכמה) מצ"ע, עצם המוחין[69], ביז ווי דאָס איז פאַרבונדן מיט כתר (ביז מיט פנימיות הכתר), שמופלא ונבדל לגמרי מעולם[70].

וידוע[71] אַז איצטער איז דער עיקר העבודה אין בירור השבע מדות (כיבוש שבע ארצות), און אין מוחין השייכים למדות; משא"כ בגאולה האמיתית והשלימה וועט זיין (אויך) די עבודה פון מוחין מצ"ע (כיבוש שלש ארצות, קיני[72] קניזי וקדמוני[73]).

ועד"ז אויך אין גילוי אלקות בגאולה האמיתית והשלימה: נוסף צו דעם גילוי פון כח הפועל בנפעל, און גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה, וועט אויך זיין דער גילוי פון עצמותו ית' למטה, ואדרבה — כח העצמות וועט נתגלה דוקא אין דעם יש הנברא[74].

ה. עפ"ז איז פאַרשטאַנדיק אַז דער אויפטו פון גאולה — „גולה" בתוספת אל"ף — איז כולל אַלע דריי ענינים פון דעם גילוי האל"ף (אין דער עבודה בגלות): אלופו של עולם, אולפנא, פלא:

און דוקא דורך דער עבודה אין גלות, דורך אַריינשטעלן דעם אל"ף (די דריי ענינים שבו) אין „גולה" — ווערט אויפגעמאַכט די גאולה, און אַלע דריי ענינים ודרגות שבה (אויך די ענינים הכי נעלים שבה): גילוי כח הפועל בנפעל, „וידע כל פעול כי אתה פעלתו" (מלכות), גילוי שלימות האולפנא ולימוד התורה, גילוי אלקות שלמעלה מהבריאה (מוחין), ביז גילוי הנפלאות (מוחין בעצם, כתר)[75].

66) שזהו גימט' של א'.

67) ברכות יג, ב. וראה ספר הערכים שם ע' עט. וש"נ.

68) ראה אמרי בינה שבהערה 53.

69) ראה סה"מ ה'ש"ת ע' נה. ספר הערכים שם ע' קכ. וש"נ.

70) ראה אמרי בינה שם. ספר הערכים שם ע' קט ואילך. וש"נ.

71) מאמרי אדהאמ"צ דברים ח"א בתחלתו (ע' ג ואילך).

72) לך לך טו, יט. ובפרש"י: עתידים להיות ירושה לעתיד.

73) וי"ל שגילוי הג' מוחין מצ"ע (בחי' פלא) דלע"ל נעשה דוקא ע"י בירור (חכמות) העולם, קיני קניזי וקדמוני שלמטה (שנשתלשלו לאחרי צמצום ופרסא כו' מג' מוחין) — ע"ד שגאולה נעשית דוקא ע"י גילוי האל"ף שב„גולה". וע"ד המבואר לקמן בפנים (ס"ו) בענין „ותרב חכמת שלמה . . מכל חכמת מצרים".

74) ראה לקמן ס"ט.

75) ומעין זה והתחלה בזה בגאולת מצרים — כנ"ל בפנים, שנוסף לגילוי אלופו של עולם במצרים („וידעו מצרים כי אני ה'", אפילו „בקרב הארץ" (וארא ח, יח)), כפי שבא לידי ביטוי גם בזה ש„ה' נתן את חן העם בעיני מצרים וישאילום" — היו שם נפלאות* (עד שמדמים ה„אראנו נפלאות" שלע"ל ל„כימי צאתך מארץ מצרים" — מיכה ז, טו), עד להגילוי ד„בכבודו ובעצמו" שהי' במצרים,

ועוד ועיקר, שגלות מצרים היא ההכנה למתן תורה, גילוי האל"ף ד„אנכי ה' אלקיך" (בחי' כתר), הכולל כל התורה כולה (תניא רפ"כ), גם פנימיות

*) ראה שמות ג, כ. ועוד.

ד.ה. — מ׳באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס מ׳איז מגלה אין „גולה״ בחי׳ אלופו של עולם (אלקות בערך הבריאה), דורך אויסנוצן די עניני העולם „לשם שמים״[76] און אויף „דעהו״[77], נאָר מ׳איז דאָרט אויך מגלה וממשיך בחי׳ אולפנא (מוחין השייכים למדות), דורך לימוד התורה, ביז אויך — בחי׳ פלא, דורך לימוד פנימיות התורה (נפלאות שבתורה), כדלקמן (ס״ח ואילך).

ויש לומר, אַז נוסף צו דער עבודה (פון לימוד פנימיות התורה) אין גלות, ווערט דאָס אויפגעטאָן אויך דורך דעם עצם ענין (ירידה) פון „גולה״ (דורך מגלה זיין אין גולה דעם אל״ף, די כוונה עליונה אין דער ירידה) — כמ״ש[78] „ואמרת ביום ההוא אודך ה׳ כי אנפת בי״, דלכאורה: אין וואָס באַשטייט די הודאה אויף דעם וואָס „אנפת בי״?! מ׳קען ניט ענטפערן אַז די הודאה איז אויף דעם וואָס שטייט בהמשך הכתוב „ישוב אפך ותנחמני״, ווייל דעמולט איז דאָס ניט קיין הודאה בשלימות: אויב די הודאה איז אויף דעם וואָס „ישוב אפך״ (דער ביטול ושלילה פון „אנפת בי״) וואָלט געווען נאָך בעסער — און נאָך אַ גרעסערע הודאה — אַז עס וואָלט לכתחילה ניט געווען „אנפת בי״! דערפון איז מוכח, אַז די הודאה איז דוקא אויף דעם וואָס „אנפת בי״.

איז דער ביאור אין דעם, ווייל דוקא דורך דער ירידה אין גלות באופן פון „אנפת בי״ קומט די עלי׳ פון דער גאולה, ביז די העכסטע ענינים שבה — גילוי בחי׳ אל״ף אותיות פלא: און בשעת מ׳איז מגלה אין „גולה״ דעם אל״ף (פון פלא) — די כוונה עליונה שבזה — ווערט נתגלה דער „אודך ה׳״ אין דעם „אנפת בי״, בחי׳ הודאה דוקא אויף אַ דבר פלא שלמעלה משכל וחכמה (של האדם), ע״ד מ״ש[79] „אודה שמך כי עשית פלא״, וואָס דאָס גייט אויף אריכות הגלות וואָס איז אַ דבר פלא, ו„אינו מושג בשכל כלל, זהו מכלל במופלא[80] ממך אל תדרוש״[81], און דאָס גופא ווערט דערנאָך נמשך בגילוי בבחי׳ „כי עשית — אלף״[82], ב־

התורה, ואדרבה – במ״ת הי׳ גילוי מעשה מרכבה („ויראו את אלקי ישראל גו׳ ויחזו את האלקים״ (משפטים כד, י־יא. וראה גם שמו״ר פג, ב. וש״נ)), מעין הגילוי אלקות בגאולה האמיתית והשלימה, כמ״ש (ואתחנן ד, לה) „אתה הראית לדעת כי ה׳ הוא האלקים אין עוד מלבדו״, „הראית ממש בראי׳ חושיית״ (תניא פל״ו – מו, א).

ובפרטיות יותר: הגילוי דמ״ת בא לאחרי ההכנה דמ״ט ימים, ימי הספירה, שלאחרי יציאת מצרים, שענינם (בעבודת האדם) – בירור הז׳ מדות (וב־שלימות – ז׳ מדות כלולים מז׳) במ״ט יום, ועי״ז מגיעים – „תספרו חמשים יום״ (אמור כג, טז) – לגילוי שער הנו״ן (דבינה) שבערך להמ״ט שערים (ע״ד בחי׳ מוחין השייכת למדות), ועד לבחי׳ הב׳ בשער הנו״ן שהיא שלא בערך – מופלא ומובדל – מהמ״ט שערים (ראה בארוכה לקו״ת במדבר יב, א ואילך), בחי׳ נפלאות, נ׳ פלאות (זח״א רסא, ריש ע״ב) – שנתגלה במ״ת.

אבל ביצי״מ ומ״ת הי׳ בגילוי לפי שעה. ובגלוי הי׳ במ״ת בעיקר הנתינה דתורה הנגלית (ראה תו״א ר״פ שמות), בחי׳ אולפנא ולימוד. משא״כ בגאולה האמיתית והשלימה תהי׳ שלימות הגילוי באופן תמידי ונצחי (ראה המשך תער״ב ח״ב ע׳ תתקל ואילך), וגילוי פנימיות התורה (תו״א שם – נעתק לעיל הערה 46), בחי׳ נפלאות שבתורה.

76) אבות פ״ב מי״ב. וראה רמב״ם הל׳ דעות ספ״ג. טושו״ע או״ח סרל״א.

77) משלי ג, ו. וראה רמב״ם וטושו״ע שם.

78) ישעי׳ יב, א.

79) שם כה, א.

80) חגיגה יג, א.

81) ביאורי הזהר להצ״צ ע׳ תקלא.

82) זח״ג קצד, ב.





שכל וחכמה (אאלפך חכמה)[81]. און דוקא דורך דער עבודה בהתגברות אויף דעם חושך הגלות קומט מען צו דער שלימות הגילוי פון פנימיות התורה בגאולה ה־אמיתית והשלימה[83].

ו. וויבאַלד די גאולה האמיתית וה־שלימה קומט דורך משיח צדקנו, איז פאַרשטאַנדיק, אַז אויך אין משיח זיינען פאַראַן די דריי ענינים (אין דעם אל״ף) פון גאולה.

ובהקדים דעם דיוק בדברי הרמב״ם[84] אַז מלך המשיח איז „מבית דוד ומזרע שלמה״[85], דלכאורה אינו מובן: דאָס וואָס ער שרייבט „מבית דוד״ [ווי ער שרייבט אויך אין ספר היד[86]] איז דער־פאַר וואָס באַ בית דוד איז „עיקר המל־כות״[87], „כיון שנמשח דוד זכה בכתר מלכות והרי המלכות לו ולבניו כו׳ עד עולם״[88], „מלכי בית דוד הם העומדים לעולם״[89]; אָבער וואָס איז דער רמז אין „ומזרע שלמה״[90]?

ויש לומר (בפנימיות הענינים): בימי[91] שלמה איז געווען מעין דעם מצב פון דער גאולה האמיתית והשלימה. בזמן דוד זיינען געווען מלחמות, ביז אַז „דם לרוב שפכת״[92] (און דערפאַר האָט ער ניט געקענט אויפבויבן דעם בית ה־מקדש[93]), משא״כ בזמן שלמה האָט גע־הערשט שלום, וואָס דערפאַר ווערט ער אָנגערופן בשם שלמה, ווייל שלום הי׳ בימיו[94] — מעין שלימות השלום לעתיד לבוא.

ויש לומר אַז דער טעם אויף דעם, ווייל באַ שלמה איז געווען שלימות החכמה — „ויחכם מכל האדם״[95], ד.ה. אַז נוסף צו דעם ענין המלכות איז ביי אים געווען אויך שלימות בחכמה[96]. און נאָכ־

83) המשך תער״ב ח״א פרכ״ה ואילך.

84) בפיה״מ סנהדרין פ׳ חלק יסוד הי״ב. ועד״ז בסהמ״צ שלו מל״ת שסב („אין מלך למי שמאמין בתורת משה רבינו אלא מזרע דוד, מזרע שלמה דוקא״ (ראה לקו״ש חכ״ה ע׳ 110 הערות 52־51)). אגרת תימן פ״ג („אי אפשר שלא יעמוד מזרע שלמה איש כו׳״).

85) והוא ע״פ תנחומא ס״פ תולדות*. אגדת בראשית פמ״ד (מה)*. וראה מפרשי הזהר ח״א קי, ב. וש״נ.

86) הל׳ מלכים פי״א ה״ד: ואם יעמוד מלך מבית דוד. ובהל׳ תשובה פ״ט ה״ב: אותו המלך שיעמוד מזרע דוד.

87) רמב״ם הל׳ מלכים פ״א ה״ח. וראה בכ״ז בארוכה לקו״ש חכ״ה ע׳ 110 ואילך. חכ״ח ע׳ 109 ואילך. ח״ל ע׳ 100־99.

88) רמב״ם שם ה״ז.

*) ושם: ממי הוא מדוד, שנאמר (דה״א ג, י) ובן שלמה רחבעם (בנו), אבי׳ בנו וגו׳.

89) שם ה״ט.

90) דאם בא רק לשלול שאר בני דוד, הו״ל לפרש גם שם בנו של שלמה (ראה שוה״ג להערה 85), שהרי גם לשלמה היו כמה בנים.

91) בהבא להלן ראה ד״ה פדה בשלום בס׳ שערי תשובה לאדהאמ״צ (שער התפלה) פי״א (נה, ד ואילך).

92) דה״א כב, ח. וראה גם שם כח, ג.

93) שם.

94) כמ״ש (דה״א כב, ט) „שלמה יהי׳ שמו ושלום ושקט אתן על ישראל בימיו״.

95) מ״א ה, יא.

96) ראה ספר המצות להצ״צ מצות מינוי מלך פ״ב, שדוקא במלך דוד הי׳ המשכת בחי׳ חכמה במדת והנהגת המלכות שלו (ובהמשך הענין מבאר, שדוד קיבל מאדם חכמה עילאה (עצמיות החכמה שלא נוגע למדות), ומיוסף קיבל חכמה תתאה (להנהיג המלוכה בפועל), משא״כ בכל המלכים שלאחריו (כולל שלמה, שעליו נאמר ויחכם מכל האדם) לא הי׳ הארת החכמה מאיר בהם לענין הנהגת מלכותם (כ״א רק בניצוץ הפרטי שלהם